# פון דער יודישער וועלט.

## א פאגראם אין קישיניעוו.

אין קישיניעוו האבען 200 סטודענטען, וואָס זע־נען אָנגעקומען פון יאסי צום בישאף גורע געמאכט א פּאָגראָם אויף יודען. אין שטאָט איז געוואָרען אַ שרעקליכע מהומה. עס איז אָנגעקומען 2 פולקען פיעכאטע און א פולק קאוואלעריע, וועלכע איז גע־לונגען צו בעהערשען די לאגע. דערביי זענען 5 סטודענטען צוטרעטען געווארען מיט די פיס.

## דעפּ. ווישליצקי שיקט אָב דעם רומע־נישען קעניג א אָרדער.

אין צוזאמאנהאנג מיט'ן קישיניעווער פּאָגראָם אויף יודען, האט דעפּ. ווישליצקי אָבגעשיקט דעם רומעינישען קעניג צוריק דעם אָרדער, וועלכען ער האט בעקומען.

## פּאָליציי־קאָמיסאר פון אנטווערפּען בעט ענטשולדיגונג ביים ארטיגען רב.

ווען דער אנטווערפּינער רב, הרב ראָטענבערג איז מאנטאג געגאנגען פון בית-המדרש א היים, זענען איהם בעפאלען 6 אונבעקאנטע פארשוינען און איהם אָנגעהויבען שלאגען, אראַפּרייסענדיג דעם צילינדער פון קאָפּ. אויפ'ן געשריי איז אָנגעקומען פּאָליציי, וועלכע האט ארעסטירט די אָנפאלער.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז צום רב געקומען דער פּאָליציי-קאָמיסאר און זיך העפליך ענטשולדיגט פאר'ן רב, מעלדענדיג, אז די בעשולדיגטע וועלען בעשטראָפט ווערען אויפ'ן שטרענגסטען אופן פאר מאכען א אָנפאל און פאר בעליידיגען א פאָרשטעהער פון א רעליגיעזע געמיינדע.

## די ענגלישע רעגירונג האלט זיך ביי דער באלפור־דעקלאראציע.

אין ענגלישען פּאַרלאמענט איז ענטגילטיג אָנגע־נומען געווארען דער געזעץ-פּראָיעקט וועגען גאראנ־טירען א הלואה פון $4\frac{1}{2}$ מיליאָן פאַר ארץ-ישראל. דערביי האט דער וויצע-מיניסטער פון די קאלאניעס נאָכאמאָל ערקלערט, אַז די רעגירונג האלט זיך פעסט ביי די יסודות פון דער באלפור-דעקלאראציע.

## פּעראָרימטע סוחרים קענען אַפּעלירען צום פינאנץ־מיניסטעריום וועגען שענקען זיי דעם פערמע־גענס־שטייער.

א דעלעגאציע פון צענטראַלען סוחרים-פעראיין האט זיך געווענדעט צום פינאנץ-מיניסטעריום מיט א מעמאָריאל וועגען נאָכאַמאָל רעווידירען די נעגא־טיוו-ערלעדיגטע אַפּעלאציעס פון פערמעגענס-שטייער, אָנווייזענדיג, אַז גישט-קוקענדיג וואס די בעטרע־פענדע פערזאנען האבען ביז'ן 1=טען יולי 1923 בעזיצט א פערמעגען, וואס האט ענטשפּראכען די שאצונג, זענען זיי אָבער אין פערלויף פון די לעצ־טע 3 יאָהר שטארק פעראָרימט געווארען און זע־נען נישט אומשטאנד דעם פערמעגענס-שטייער צו בעצאהלען.

דער פינאַנץ-מיניסטעריום האט מסכים געווען מיט די אויספיהרונגען פון דער דעלעגאציע און ערקלערט, אַז יעדער סוחר, וועלכער איז פעראָרימט געווארען און די סוחרים-אָרגאניזאַציע קען דאס בע־שטעטיגען, קען ער אינדיווידועל אָנגעבען א ביטע צום פינאנץ-מיניסטעריום און זיין בקשה וועט גע־נומען ווערען אין אַכט.

## גרויסע רעגירונגס-קרעדיט פאר יודישע סוחרים.

א דאנק דער איניציאטיוו פון יודישען צענטרא־לען סוחרים-פעראיין אין ווארשע, האט די פ. ק. אָ, מסכים געווען צו ערטיילען א גרויסען קרעדיט אויף 2 יאהר די יודישע סוחרים-אָרגאניזאַציעס אין פוי־לען. די ערשטע סומע פון 500,000 זלאטעס וועלען שוין די טעג די יודישע סוחרים-פעראיינען דער־האַלטען. דער שווער-פונקט פון דערהאלטען דאס געלד איז די פראַגע וועגען גאראנטיעס.

# פון דער פּראָווינץ.

### סאָקאָלאָוו.

#### אויפלעבונג פון געזעלשאפט „בית-לחם".

זונטאג, דעם 28/XI, איז פאָרגעקומען אין גרויסען בית-המדרש אַ אלגעמיינע פערזאמלונג מיט'ן אַנטייל פון די דעלעגאטען פון ווארשאווער „בית-לחם": ה"ה יוסף פערלמוטער און דוד קראָנענבערג.

די פערזאמלונג ווערט געעפענט דורך דעם צייט־ווייליגען פּאָרזיצענדען ה. ווידלער, וועלכער ער־טיילט דאס וואָרט דעם דעלעגאט ה' פערלמוטער. אין זיין $1\frac{1}{2}$ שעה'דיגען רעפעראט האָט דער רעדנער קלאָר און דייטליך אַלזייטיג בעלויכטען די וויכטיג־קייט פון „בית-לחם". זיין רעדע איז מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט געוואָרען און ס'האָט גע־מאכט אַ שטארקען איינדרוק אויף אַלע צוהערער.

אלס צווייטער רעדנער טרעט אַרויס ה' ד. קראָ־נענבערג, וועלכער גיט איבער אַ בעריכט פון דער ווארשאווער צענטראלע, צייכענט אָן אַ ריכט-ליניע אויף די ווייטערדיגע אַרבייט פון „בית-לחם" און אַפּעלירט צו אלע פערזאמעלטע זיך צו פערשרייבען אַלס מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט.

עס רעדען נאָך די ה"ה: ווידלער, קליימאַן א. א. נאַכהער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט אַ פער־וואלטונג, וועלכע האלט גלייך אָב די ערשטע זיצונג צוזאמען מיט די ווארשאווער דעלעגאטען.

עס ווערט אָנגענומען אַ רייהע רעזאָלוציעס און גלייכצייטיג ווערט אויסגעדריקט אַ הערצליכען דאנק די געעהרטע דעלעגאטען פאַר זייער בעזוך.

אין דער פערוואלטונג זענען אריין די ה"ה: ח. ווידלער (פּרעזעס), א. מידלארסקע, ל. אלטמאן (וויצע-פרעז.), ה. קייט (קאסיר), ש. גרושקע (סעק־רעטאר), ב. האכבער און י. קראָווטשיק; גאַספּאָדאַ־רושעס: י. עדעלשיין, ש. ר. לינדענהיים, מ. קאָסאַ־ווער, ה. ט. יאַבלאנאוויטש, א. פאָלאקעוויטש: פער־וואלטונגס-מיטגליעדער: קליימאן, ענדעל, אייזענבערג גאטליב. רעוויזיאָנס-קאָמיסיע—ה"ה גאלאַנד, ווישניע, טשערנעוויטש. מעלניצקע, קערשענבוים, לייבמאַן, בראווערמאן, סוקעניק, קאנדידאטען.

#### א חנוכה-אָווענד פון „בית-יעקב".

שבת-צו-נאכטס צום 5-טען חנוכה-ליכטעל האָט די היגע „בית-יעקב"-שולע איינגעאָרדענט אַ חנוכה־אָווענד אין לאָקאַל פון ה' סאָכאטשעווסקי. אַויסגע־פיהרט דורך דער לעהרערין פרל. א. מאַרק און אייניגע שילערינס.

דער אָווענד, וועלכער האָט צוגעצויגען אַ גרויסען אָרטאָדאָקסישען פרויען-עולם, האָט זיך גלענצענד איינגעגעבען און האט איבערגעלאָזט אַ טיעפען איינדרוק אויף אלע פערזאמעלטע

**אגס.**

### ווענגראָוו.

לעצטענס האָט זיך ביי אונז געעפענט אַ אָבטיילונג פון דער נאוואראדאקער ישיבה. ביי היינטיגען טאָג איז שוין פערהאן העכער 60 תלמידים און מיט יעדען טאָג קומען צו פרישע תלמידים (כ"י).

דערביי דארף מען אויסדריקען א דאנק די ג. עסקנים: ה"ה הענאך קאָזאַק און ישראל שמואל וויינראָב.

— די ביבליאָטעק ביים צ. א. י. האָט צוריק בעגייט איהר טעטיגקייט. עס איז צוגעקויפט געוואָ־רען אַ גרויסע צאָהל אָרטאָדאָקסישע ביכער און גלייכצייטיג האָבען זיך פערשריבען פיעל אַבאָנענטען.

**ישראלי.**

### לוקאָוו.

מיט גאנץ קליינע מיטלען איז ביי אונז, מיט קנאַפּע 2 יאהר צוריק געגרינדעט געוואָרען, דורך דער איניציאטיוו פון ה' ישראל דעמבאוויטש א גמי־לת-חסד-קאַסע, דורך מיטגליעדס־ אבצאהל א זלאטע א וואך. די גמילת-חסד-קאסע האט זיך זעהר גוט ענטוויקעלט אזוי, אז זי גיט שוין ארויס ביי היינטי־גען טאג הלואות איהרע מיטגליעדער צו 300 זל. און אין קורצען זאל זי ארויסגעבען אויך צו 400

הארכיון היהודי

# וואס מען דארף וויסען וועגען דער קראנקען-קאסע

די מנהגים און מדות טובות פון דער קראַנקען-קאַסע* הן בנוגע די אַרבייטער, הן בנוגע די אַרבייטס-געבער, האָבען זיך שוין אָנגעהויבען גוט צו שפּירען די בעפעל־קערונג. מען טרעפט שוין זעהר אָפט ארומלויפען מענ־שען, זוכענדיג עצות נעגען די אומרעכט, וואָס ווערט זיי אָבגעטהון, עס ווערט פיעל דערצעהלט און איבער־געגעבען שעהנע אנעקדאטען, ווי אזוי עס זעהט אויס די הילף-שטיצע פאַר די מיטגליעדער. מיט די ערשיי־נונגען האבען זיך שוין אָנגעהויבען פעראינטערעסירען די טעגליכע פּרעסע, אזוי די אַלגעמיינע ווי די יודישע. די צרה איז שוין געוואָרען אַ אַלגעמיינע, וואָס איז נוגע במעט יעדען. עס איז דערום א חוב אויפצוקלערען די בעפעלקערונג די אלע אומגעזעצליכקייטען, וואס עס ער־לויבען זיך די הערען פון „אונטער די פענסטערלאך", אז די לעצטע זאל זיך קענען נעגען זיי שיצען. אזוי אויך די אַלע נויטבעדערפטיגע זאלען וויסען וואס זיי דאַרפען פאר זייערע פעראָרעמטע גראָשענס בעקומען.

צו-ערשט דארף די בעפעלקערונג וויסען, אַז די אָנ־געשטעלטע און שלוחים פון דער קראַנקען-קאסע זענען נישט קיין בעאמטע און דאס געגענשטעלען זיך זיי, ווען זיי קומען אָן פאליציי איז נישט שטראָפבאַר און פאר וועלכע ס'איז נישט ארטיגע בעהאנדלונג, אָדער סתם איבריג דרעהען דעם קאָפּ, קען מען זיי פשוט ארויסבע־טען פון שטוב.

די עפענטליכקייט דארף אויך וויסען, אז די קראַנ־קען-קאַסע איז נישט ערלויבט צו בענוצען זיך מיט קלאַאוזולעס, נור בנוגע די טייל פערנאכלעסיגע צאָהלונ־גען, אָבער נישט בנוגע די שטראָפען און אנדערע קאָס־טען, אויף וועלכע זיי דארפען פיהרען געוועהנליכע פּראָצעס (§ 53 ust. II).

עס דינט די קראַנקען-קאַסע נישט קיין רעכט צו רעכנען פאר אינקאסע און אזעלכעס דארף נישט גע־צאָהלט ווערען.

פּראָצענט פאר פערנאַכלעסיגע צאָהלונגען קען צוגע־רעכענט ווערען נור 6% יעהרליך און אויך נור ווען די סומע שטייגט איבער 20 זל. (§ 54).

לויט 7 § דארפען די נישט שטענדיג-בעשעפטיגטע ארבייטער זיך זעלבסט רעגיסטרירען, נישט דער אַר־בייט-געבער דארף עס טהוען, די זעלבע ווערען מיט־גליעדער נישט פון טאָג, וואס זיי ארבייטען, נור פון טאָג וואס זיי ווערען רעגיסטרירט (10 §). דעריבער איז קיין שטראָף פאר נישט-מעלדען נישט דערלאזבאר, אזוי אויך דאַרפען די נישט-שטענדיג בעשעפטיגטע ארבייטער זעלבסט איינצאהלען דעם טייל אָבצאָהל, וואס פאַלט אויס אויף זיי, נישט דער ארבייט-געבער (52 §) און ס'איז דערי־בער אויף דעם טייל נישט דערלאָזבאַר קיין קלאַאוזולעס און עקזעקוציעס לגבי דעם אַרבייט-געבער און זעלבסט־פערשטענדליך, אז קיין שטראָפען אודאי נישט.

פאר די צייט, וואָס דער אַרבייטער איז קראַנק און אַרבייט נישט, אָבוואהל ער בעקומט רעגולער געצאהלט זיין פענסיע, קומט נישט קיין אבצאהל פאַר דער קראַנ־קען-קאַסע, דאס איז שייך אויך ארבייטערינס אין דער צייט פון קימפעט 2 וואָכען פריהער און 6 וואָכען דער־נאָך (57 §).

דער אָבצאהל פאר כאַלופּניקעס איז נור דענסטמאָל, ווען די ארבייט וואס דער כאַלופּניק ארבייט פאר דעם ארבייטגעבער בעשטעהט דער מקור פון כאלופּניק'ס פרנסה, אָבער נישט ווען די ארבייט פאר'ן ארבייט-געבער איז א נעבען-זאך, א דערוויילינע, און דער עיקר ארבייט דער כאַלופּניק פאַר זיך (6 §).

דעם אָבצאהל דארף די קראנקען-קאַסא רעכנען לויט ווי עס ווערט אויסגעגעבען דורך דעם ארבייטגעבער נישט לויט'ן איינזעהען פון קראַנקען-קאַסע. (20 §). פאר די פערגוטיגונג אין נאַטור וואס דער ארבייטער בעקומט דארף דערום די קאסע רעכנען לויט ווי עס גיט אָן דער ארבייטסגעבער ביז די קאסע וועט האבען א אָפיציעלע טאַבעליע בעשטימט דורכ'ן צענטראַל-אַמט צוגעפאסט צו די ארטיגע בעדינגונגען און פרייזען.

II.

די אַרבייטער און אָנגעשטעלטע דארפען וויסען, אז עס קומט זיי אויסצוטיילען הילף אין פאַל פון א קראַנק־הייט במשך 26 וואכען, ווען דער קראַנקער איז נישט אַרבייטס-פעהיג קומט אויך א געלד-שטיצע אין דער הויך פון 60% פון זיין פערדינסט אין פערלויף פון 26 וואָ־כען, נישט אויסשליסענדיג חגאות און יום-טובים פון דריי־טען טאָג אָן, וואס ער ארבייט נישט (§ 24 ust. I, II, VII).

אין פאַל ווען דער קראַנקער בעקומט נישט קיין געלד־שטיצע פון דריטען טאג אָן, דארפען די 26 וואָכען זיך רעכנען פון טאג אָן וואס ער בעקומט די געלד-שטיצע.

אין פאַל דער קראַנקער בעקומט א געוויסע צייט נישט פון זיין קרענק קיין געלד-שטיצע, קומט איהם דערפאר מעדיצינישע הילף במשך 39 וואָכען (§ 23 ust. IV).

ווען דער קראַנקער געפינט זיך אין א שפּיטאָל דארפען די שטוב-מענשען, וועלכע דער קראַנקער האלט אוים בע־קומען געלד-שטיצע 30% פון קראַנקענס פערדינסט אין די צייט פאר די קרענק, דער קראַנקער זעלבסט דאַרף דערצו נאך בעקומען אין שפּיטאל אריין 10% פון זיין פערדינסט אלס געלד-שטיצע (§ 39 ust. I, II).

א קימפעטאָרין, א מיטגליעד, דארף בעקומען שטיצע 6 וואָכען נאך דער קימפעט. ווען די קימפעטאָרין געפונט זיך אויפ'ן רעכנונג פון קאַסע אין א אַנשטאלט פאר קימפעטאָרינס, בעקומט זי נור א האלבע שטיצע (30 §) אין דער צייט פון זויגען דאס קינד קומט א בעזונדער שטיצע אין פערלויף פון 12 וואכען (§ 30 47 C).

ווען די קימפעטארין איז אבער נור א פרוי פון א מיט־גליעד, קומט איהר אויסער מעדיצינישע הילף געלד־שטיצע. די שטיצע אלס קימפעטארין און אלס זויגערין, נור אַ העלפט וויפיעל עס בעקומט א קימפעטאָרין, א מיט־גליעד, במשך פון די גאנצע צייט, ד. ה. 8 וואכען קימפעט און 12 וואכען זויגען (33 §).

אין א טויט-פאַל ביי א מיטגליעד אין שטוב קומט

אונזער וועג-שעדליץ 1926-12-10 ה-טבת-תרפז גליון-0113 000003 a הודפס מתוך הארכיון היהודי